בעזרת השם יתברך

# פרק נג-נד

## תזריע

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַז אַ מענטש מוז משעבד זיין זיין גוף און זיין נשמה צו דינען השם יתברך - לויט וויפיל טעג ער איז נישט געגאַנגן צום שיעור פון רב, אַזוי פיל טעג שטויסט מען אים אַרויס פון די ישיבה של מעלה - דער מענטש מוז יעדן טאָג לערנען איין הלכה, ווייל די אותיות "הלכה" איז ווי די אותיות "הכלה" - אַ מענטש זאָל לערנען מיט כח ביז ער וועט דערשוויצט ווערן - דער עיקר כונה וואָס דער מענטש דאַרף האָבן בשעת ער לערנט איז, אַז ער מאַכט אַ שטיל כביכול פאַר דער שכינה.

מען זאָל מדקדק זיין אַז ספרים זאָלן זיין שיין איינגעבונדן - אַכטונג געבן נישט צו לייגן ספרים פאַרקערט - חיוב זיך צו פירן מיט כבוד מיט ספרים.

# אינהאלט
## פון פרקים נ"ג - נ"ד

א. אין פרק נ"ג ווערט ערקלערט: אַז אַ מענטש מוז משעבד זיין זיין גוף און זיין נשמה צו דינען השם יתברך ..... ה

ב. לויט וויפיל טעג ער איז נישט געגאַנגען צום שיעור פון רב, אַזוי פיל טעג שטויסט מען אים אַרויס פון די ישיבה של מעלה ..... ו

ג. דער מענטש מוז יעדן טאָג לערנען איין הלכה, ווייל די אותיות "הלכה" איז ווי די אותיות "הכלה" ..... ו

ד. אַ מענטש זאָל לערנען מיט כח ביז ער ווערט דערשוויצט ווערן ..... ו

ה. דער עיקר כונה וואָס דער מענטש דאַרף האָבן בשעת ער לערנט איז, אַז ער מאַכט אַ שטיל כביכול פאַר דער שכינה ..... ז

ו. אַזוי ווי די מענטש איז מחויב צו מקיים זיין די מצוות הגשמים, אַזוי מוז ער אויך מקיים זיין די מצוות רוחניים, דאָס הייסט מחדש זיין חידושי תורה ..... ז

ז. מען זאָל נישט פרעגן אַ שאלה פון אַ חבר אויב מען ווייסט אַז ער וועט נישט וויסן דעם ענטפער, כדי ער זאָל זיך נישט פאַרשעמען חס ושלום ..... ח

ח. אַ מוראידיגע מעשה מיט אַ קינד וואָס מען האָט אים נישט אריינגעלאָזט אין די ישיבה של מעלה, ווייל ער

פלעגט פרעגן אַסאַך קשיות פון זיין רעבין, און ער פלעגט מבויש ווערן ........ ט

ט. הַמַלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא........ י

י. אין פרק נ״ד ווערט ערקלערט: מען זאָל מדקדק זיין אַז ספרים זאָלן זיין שיין איינגעבונדן........ טו

יא. אַכטונג געבן נישט צו לייגן ספרים פאַרקערט........ טו

יב. חיוב זיך צו פירן מיט כבוד מיט ספרים........ טז

יג. מען טאָר נישט אונטערלאַנען אַ ספר אונטערן ספר וואָס מען לערנט........ טז

יד. מען מוז אויפשטיין פאַר אַ חומש אַזוי ווי פאַר אַ ספר תורה........ טז

טו. דער מענטש דאַרף האָבן יראַת הכבוד פאַר לומדי תורה........ יז

טז. וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב מגדל געווען אַזאַ גרויסן ליכט........ יז

יז. וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב אָנגעזאָגט מיין זיידע יעקב אַז יוסף לעבט........ יח

יח. יעדן טאָג שטייען זיי און לויבן גאָט ברוך הוא........ יח

יט. ״ותשר דבורה וברק בן אֲבינועם...״........ יח

כ. פאַרוואָס האָבן זיי דער צו זוכה געווען?........ יח

כא. די מצוה פון מפרנס זיין תלמידי חכמים........ יט

כב. געבן תלמידי חכמים מתנות בדרך בכבוד........ יט

כג. וואויל צו דער וואָס איז זיי מכבד........ יט

כד. הוספה לפרק נד - המצער ת״ח אוי לו ואוי לנשמתו........ כ

# פרק נ״ג

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַ מענטש דאַרף משעבד זיין זיין גוף און נשמה צו דינען השם יתברך**

**א. כל מה,** אַלץ וואָס השי״ת האָט באַשאַפן אויף דער וועלט, האָט ער נאָר באַשאַפן פון זיין כבוד וועגן, מכל שכן דער מענטש וואָס ווערט גערופן קליינע וועלט איז אַוודאַי נאָר באַשאַפן געוואָרן צוליב באַשעפערס כבוד, כדי ער זאָל זיין אַ קנעכט צו גאָט ב״ה. ער זאָל אים דינען מיט פאָרכט און מיט ליבשאַפט און אַז דער מענטש איז באַקליידט מיט הייליגע מלבושים וואָס דאָס זענען מעשים טובים, ווערט ער גערופן גאָטס קנעכט. דאָס זענען די זאַכן וואָס אַ מענטש איז משעבד זיין גוף און נשמה צו דינען גאָט.

**א. ליב האָבן די תורה.**

**ב. טאָן מצות מיט כונה.**

**ג. דאַווענען מיט כונה.**

**ד. אָפהיטן שבת און יו״ט.**

**ה. הייליגן די אברים.**

**ו. הייליגן די מחשבה.**

**ז. זיך הייליגן דורך מאַכן א גדר נישט צוצוקומען צו אַן עבירה.**

**ח. הייליגן די מדות.**

**ב. ונתחיל,** מיר וועלן אָנהויבן צו ערקלערן וועגן אהבת תורה. אַ מענטש דאַרף צו גיין צום לערנען מיט אַ כונה אַז ער לערנט פאַר גאָט מיט זיין שכינה, נישט כדי מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ תלמיד חכם, אָדער כדי ער זאָל האָבן עולם הבא. אויף דעם מענטש

וואָס זיין כונה צו לערנען איז פאַר זיין הנאה אָדער כבוד וועגן, שטייט אין פסוק (ישעיהו מ, ו) ״וְכָל חַסְדּוֹ כְּצִיץ הַשָּׂדֶה״ - און זיין חסד איז ווי די שפּראָצונג פון דעם פעלד. בשעת אַ מענטש לערנט תורה מוז ער זיין בשמחה כדי די שכינה זאָל רוען אויף אים, ווייל די שכינה רוהט אויף א מענטש נאר ווען ער איז בשמחה נישט טרויעריג.

## וויפיל טעג אַ מענטש גייט נישט צו אַ שיעור, אַזוי פיל טעג שטויסט מען אים אַרויס פון דער ישיבה של מעלה

**ב. צריך,** אַ מענטש דאַרף געוואָרנט זיין צו גיין צו די ישיבה פון רב וואָס וואוינט אין זיין שטאָט. דער רב ר׳ יעקב שרייבט אַז אַזוי פיל טעג וואָס דער מענטש גייט נישט אין דער ישיבה פון רב אַזוי פיל טעג שטויסט מען אים אַרויס פון די ישיבה של מעלה.

## אַ מענטש מוז יעדן טאָג לערנען איין הלכה, ווייל די אותיות ״הלכה״ זענען ווי די אותיות ״הכלה״

**דער** בעל תורה מוז נזהר זיין פון גאַוה. דער מענטש דאַרף יעדן טאָג לערנען איין הלכה, און גוט מדקדק זיין אין איר, און לויט זיין שכל זאָל ער אָפּטאָן אלע פראַגעס און שאלות וואָס קומען אַרויס פון דער הלכה. מיט דעם טוט ער אָפּטאָן פון דער שכינה אלע קליפות און באַצירט איר מיט צירונגען, ווייל די אותיות ״הלכה״ איז ווי די אותיות ״הכלה״. אַ מענטש זאָל זיך נישט שעמען צו זאָגן אויף אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געהערט אָדער נישט געוואוסט אַז ער ווייסט דאָס נישט.

## אַ מענטש זאָל לערנען מיט כח ביז ער ווערט דערשוויצט

**ג. ילמד,** ער זאָל לערנען מיט כח ביז ער ווערט דערשוויצט, דערמיט צוברעכט ער די קליפות. אויך זאָל ער נזהר זיין ער זאָל נישט ווערן אין כעס בשעת ער איז זיך מפלפל מיט זיינע חברים, ווייל ווען מען איז אין כעס ווערט אָפּגעטאָן די חכמה, אַפילו אויף די תלמידים וואָס פאַרשטייען נישט, זאָל ער נישט ווערן אין כעס אויף זיי.

**דער עיקר כונה וואָס דער מענטש דאַרף האָבן בעת ער לערנט, אַז ער מאַכט אַ שטול פאַר דער שכינה**

**ד. יהיה לו,** ער זאָל האָבן אַ באַזונדער חדר ווי ער זאָל דאָרטן לערנען. אויב עס איז נישט מעגליך, זאָל ער מייחד זיין אין זיין חדר אַ באַזונדער ווינקל צו לערנען תורה. דער עיקר כונה וואָס דער מענטש דאַרף האָבן בשעת ער לערנט איז, אַז ער מאַכט אַ שטול כביכול פאַר דער שכינה. אויב דער מענטש איז איינגעוויקלט מיט זינד, קען די שכינה נישט רוען אויף אים, ווייל די זינד איז אַ דאָרן כביכול קעגן דער שכינה, וועגן דעם זאָל דער מענטש תשובה טאָן אויף זיינע זינד, דער נאָך זאָל ער זיך זעצן לערנען.

**גענוי ווי דער מענטש איז מחויב מקיים צו זיין די גשמיות'דיגע מצוות, אַזוי מוז ער אויך מקיים זיין די גייסטיקע מצוות, -מחדש זיין חידושי תורה**

**ה. ספר שיש,** אויב אַ מענטש טרעפט אַ טעות אין אַ ספר זאָל ער עס פאַררעכטן, אָבער מען טאָר נישט מגיה זיין פונעם אייגענעם שכל, נאָר אויב ער קוקט נאָך אין אנדערע ספרים, און זעט אַז דאָס איז אַ טעות. דער רמב"ן שרייבט, דער האַנט וואָס מעקט אין ספרים אָן אַ קלאָרע ראיה, זאָל אָפגעהאַקט ווערן. דער וואָס פלאָגט זיך אין לערנען אָדער לערנט אין שול, דער פאַרגעסט נישט שנעל זיין לערנען. דער וואָס לערנט און זיין צונג ווערט פאַרטריקענט מחמת דאָרשט און ער איז נישט מפסיק אינמיטן, ווערט אים פאַרגעבן די זינד פון דברים בטלים. אַזוי ווי דער מענטש איז מחויב מקיים צו זיין די גשמיות'דיגע מצוות דאָס מיינט די מצוות וואָס מען טוט מיט די גלידער אזוי אויך מוז ער מקיים זיין די גייסטיקע מצוות דאָס הייסט מחדש זיין חידושי תורה. דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו די ליכט פון תורה.

**ו. קנה לך,** קויף דיר אַ חבר, דאָס הייסט דו זאָלסט צאָלן פאַר אַ

חבר ער זאָל מיט דיר לערנען. דאָס איז אויך אַ רמז אַז די פען זאָל זיין דיין חבר.

*דו זאָלסט אויף שרייבן אלעס וואָס דו האָסט מחדש געווען אין תורה.

*דער מענטש זאָל זיך דערגענצן אין זיין לערנען - פשטים, רמזים, דרשים און סודות התורה, דער סימן איז פרדס - פשט, רמז, דרש, סוד. אויב ער פאַרפעלט אַפילו איינס פון די פיר מוז ער נאָך אַמאָל מגולגל ווערן.

*זאָלסט זיין געוואָרנט צו לערנען די תרי"ג מצוות.

*זאָלסט קובע זיין באַשטימטע צייטן צו לערנען יעדן טאָג. אויב עס וועט אים אויסקומען צו פאַרדינען אַסאַך געלט און דער צייט, נישט אויפגעבן לערנען, צוליב ליבשאַפט פון השם יתברך און תורה.

*זיין געוואָרענט צו לערנען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג מער ווי די אַנדערע טעג.

*זיך דערווייטערן פון לערנען פילוסופיה, ווייל דאָס ברענגט אַריין צווייפלונגען אין אמונה, דאָס איז ווי פייער. אויף דעם זאגט דער פסוק (משלי ב, יח-יט) "כִּי שָׁחָה אֶל מָוֶת בֵּיתָהּ כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן" - ווייל איר הויז איז אַן אויסגליטש צום טויט, אלע וואָס קומען אהין קערן זיך נישט צוריק.

**ז. יזהר,** ער זאָל לערנען אין אַן אָרט וואָס זענען דאָ פענסטערס, כדי ער זאָל קענען קוקן די גאַנצע צייט אויפן הימל, ווייל דאָס ברענגט צו יראת שמים און קדושה.

**אויב מען ווייסט אַ חבר וועט נישט ווישן דעם ענטפער זאָל ער נישט פרעגן די שאלה, כדי ער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן חס ושלום**

**ח. אסור לומר,** עס איז אסור צו זאָגן אַ פשט אָדער אַ תורה אַז דער

און דער רב האָט געזאָגט און ער האָט עס נישט געזאגט. מען זאָל נזהר זיין נישט צו רעדן דברי תורה אין אן ארט וואָס איז נישט ריין. ער זאָל זיך נישט שעמען דעם אמת מקבל זיין אַפילו פון דעם קלענסטע. מען זאָל נישט פרעגן אַ שאלה פון אַ חבר אויב מען ווייסט אַז ער וועט נישט וויסן דעם ענטפער, כדי ער זאָל זיך נישט פאַרשעמען חס ושלום.

**מען האָט אַ קינד נישט אריינגעלאָזט אין ישיבה של מעלה, ווייל ער פלעגט פרעגן אַסאַך קשיות פון זיין רבי׳ן, און ער פלעגט פאַרשעמט ווערן.**

**ט. ראה,** זעה וואָס עס שטייט אין זוהר, אַ קינד איז געשטאָרבן האָבן אים די בעלי דינים אָנגעכאַפּט און נישט געלאָזט אַריינגיין אין דער ישיבה של מעלה, האָט דאָס קינד אָנגעפאַנגען צו שרייען, איז דערציטערט געוואָרן אַלע בני הישיבה. האָט דער ראש הישיבה געזאָגט, ווער זענען די וואָס לאָזן נישט אַריין דאָס קינד. האָבן די בני הישיבה אָנגעכאַפּט דאָס קינד אין געברענגט צו דעם ראש הישיבה און פיל פון די בני ישיבה האָבן זיך איינגעזאַמלט אויף דעם אָרט, האָט דער ראש ישיבה געזאָגט: עפען דיין מויל דו הייליג קינד און זאָג, האָט דאָס קינד געזאָגט, איך האָב מורא, ווייל איך בין פון אַן אַנדערע ישיבה און איך בין אריין אין דער ישיבה, האָבן די בעלי דינים מיר אָנגעכאַפּט. דער האָט ראש הישיבה געענטפערט: האָב נישט מורא דו הייליג קינד, דו וועסט דאָ זיין זיבן טעג און זיך אָפּוואַשן מיט דער הייליגע טויה, און דערנאָך וועט מען דיר ארויף ברענגען צו די העכערע ישיבה צווישן די קינדער.

**י, פתח ואמר,** דאָס קינד האָט געזאָגט זיבן פרושים אויף די אַלע פסוקים וואָס דער ראש הישיבה האָט געזאָגט און זיי מגלה געווען פיל וואונדערליכע סודות. האָט מען אים גענומען צו זיין פאָטער און אים געקרוינט מיט זיבעציג קרוינען און דערנאָך האָבן די בעלי דינים אים געוואָלט משפט׳ן מיט יסורים ווייל זיין קינד פלעגט

פרעגן זיין רבי פיל קשיות און ער פלעגט פאַרשעמט ווערן, ווייל ער האָט נישט געוואוסט די ענטפערס, און ער האָט נישט רחמנות געהאַט אויף זיין רבי'נס כבוד, האָבן זיי אים געוואָלט דן זיין. אַפילו דער ראש ישיבה האָט אים געראָטעוועט און געזעצט נעבן אים זיבן טעג, פון דעסטוועגן האָט ער געליטן יסורים און זיין צורה האָט נישט געלויכטן ווי עס דאַרף צו זיין און איז אַוועק געשטיפט געוואָרן פון זיין פלאַץ.

## הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא

**יא, ואם התינוק,** און אויב דאָס קינד האָט געהאַט צער און די בעלי דינים האָבן אים געוואָלט שטראָפן ווייל ער האָט זיין רבי אַסאַך שאלות געפרעגט און איז מבוייש געוואָרן, מכל שכן דער מענטש וואָס האָט יאָ אינזינען צו פאַרשעמען זיין חבר אָדער רבי'ן, האָט ער אַ גרויסן עונש. אַזוי ווי עס שטייט (אבות פרק ג, משנה יא) הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא, דעריבער זאָל אַ מענטש זיך היטן פון צו פאַרשעמען אַ מענטש.

❖ ❖ ❖

# הוספה

**גְדוֹלָה תּוֹרָה** שֶׁהִיא נוֹתֶנֶת חַיִּים לְעוֹשֶׂיהָ בָעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר (משלי ד) כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא. טייטשט רש״י הקדוש: שֶׁהִיא נוֹתֶנֶת חַיִּים לְעוֹשֶׂיהָ - אוכל פירותיה בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא. כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם - אל תקרי למוצאיהם אלא למוציאיהם בפה בעולם הזה... אורך ימים בימינה למיימינים בה שלומדים לשמה יש לו אורך ימים וחיים ואצ״ל עושר וכבוד.

**דער הייליגער** חיד״א אין זיין ספר ״מראית העין״ ברענגט פון מרן רבי חיים וויטאַל ז״ל אַז ווען אַ מענטש רעדט דברים בטלים און כל שכן נאָך דברים אסורים טוט ער זיך פאַרקירצן זיין לעבן ח״ו, ווייל יעדער מענטש האָט אין זיך אַ באַשטימטע מאָס ווערטער וויפל ער זאָל קענען אַרויסרעדן פון מויל, און מיט יעדן וואָרט קומט אויך מיט אַ מין חיות וואָס פאַרלאָזט דעם מענטש ווען דאָס וואָרט גייט אַרויס.

**דערפאַר** לערנט אונז דאָ די משנה אַז מ׳זאָל נישט מיינען אַז ביים רעדן דברי תורה איז אויך חס-ושלום אַזוי, ניין: גדולה תורה - דער כח התורה איז אַזוי גרויס אַז נישט נאָר אַז עס נעמט נישט אַוועק פונעם לעבן אַזוי ווי סתם דברים בטלים וואָס מ׳רעדט, נאָר אדרבה ״היא נותנת חיים לעושיה״ - יעדעס וואָרט וואָס מ׳רעדט דברי תורה טוט נאָך פאַרמערן דאָס לעבן.

**דער ספר** מעשה אבות ברענגט אַ מורא׳דיגע מעשה פון רש״י הקדוש זי״ע ווי מען זעהט אַז דורך לערנען תורה לשמה ווערט מען ניצול פון די שונאי ישראל, זיי זאָלן נישט קענען אויספירן זייערע בייזוויליגע פּלענער אויף אידישע קינדער. ווען אַ באַריהמטער שר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גענעראַל און באַוואוסטער מלחמה-העלד, האָט געהערט פון רש״י הקדוש, ווי שטאַרק ער איז

באַליבט ביי אַלע חכמי האומות, האָט ער געשיקט צו רש״י הקדוש ער זאָל קומען צו אים. רש״י הקדוש האָט נישט געענטפערט אויף דער איינלאַדונג און האָט זיך נישט געוואָלט טרעפן מיט יענעם, דערפאַר וואָס ער איז געוועזן אַ גרויסער אכזר. דער שר איז געוואָרן פול מיט רציחה, וואָס אַ איד זאָגט זיך אָפּ פון זיין איילאַדונג. ער איז באַלד אַריבער צו דער וואוינונג פון רש״י הקדוש, מיטנעמענדיק מיליטער, און האָט זיך געגרייט צו נעמען נקמה פאַר די חוצפה.

**דער שר** מיט זיינע מענטשן זענען אַריינגעקומען אין בית-המדרש פון רש״י הקדוש. זיי זענען געוואָרן זייער פאַרוואונדערט ווען זיי האָבן געזען אַז אַלע טירן זענען אָפן, די ספרים אויפן טיש זענען אָפן, אָבער קיין מענטש האט זיך נישט באַוויזן. האָט דער שר אויסגערופן - אינעם ליידיגן בית-המדרש - ״שלמה! שלמה!״... ״וואָס ווילסטו״ האָט רש״י הקדוש געענטפערט, זיין נאָמען איז געווען שלמה, ״איך בין דאָ!״ אָבער ער זעט נאָך אַלץ קיינעם נישט.

**האָט ער** ווידער אויסגערופן ״שלמה! שלמה!״, און צו זיין גרויס וואונדער האָט ער ווייטער באַקומען די זעלבע תשובה, ער האָט אָבער קיין מענטש נישט געזען פאַר זיך, אַזוי האָט זיך דאָס עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט. דעמאָלטס איז דער שר אַרויס פון בית-המדרש, און האָט געבעטן מ׳זאָל אים אָנווייזן אַ איד. ווען אַ איד איז געקומען, האָט ער אים געבעטן: ״גיי זאָג דיין רבי׳ן, ער זאָל זיך אַנטפלעקן צו מיר, איך שווער ביי מיין לעבן אַז איך וועל אים קיין שלעכטס נישט טאָן״.

**ווען יענער** האָט דאָס איבערגעגעבן צו רש״י הקדוש, האָט זיך רש״י הקדוש געשטעלט פאַרן שר און געבויגן פאַר אים מיט גרויס כבוד. האָט אים דער שר געזאָגט: ״יעצט האָב איך מיך טאַקע איבערצייגט אין דיין חכמה, און היות איך פלאַן איינצונעמען ירושלים, און ווי איך פאַרשטיי וועט דאָס מיר לייכט אָנקומען, ווייל די

ישמעאלים וועלכע רעגירן יעצט אין ירושלים, זענען גאָר וויניג באַהאַוונט אין תכסיסי מלחמה, איז יעצט מיין פאַרלאַנג אַז דו זאָלסט מיר אָן שום מורא, אַרויסזאָגן דיין מיינונג איבער דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה״.

**האָט אים** רש״י הקדוש געענטפערט: ״ס׳איז ריכטיג אַז דו וועסט זיי קענען בייקומען, און דו וועסט זיך טאַקע זעצן אויפן כסא המלוכה אין ירושלים, אָבער דאָס וועט אָנהאַלטן בלויז אויף דריי טעג, ווייל אינעם פערטן טאָג, וועלן דיר די ישמעאלים פאַרטרייבן פון דאָרט, און דו וועסט אַנטלויפן פון דאָרט און צוריקקומען בלויז מיט דריי פערד״. ״ס׳איז מעגליך אַז דיין אָפּשאַצונג איז ריכטיג״, האָט אים דער שר געזאָגט, מיט אַביסל פאַרדרוס, ״אָבער איך וועל דאָך איינשטעלן און גיין פירן די מלחמה. אָבער אויב ס׳וועט זיין בלויז אַ קלייניקייט אַנדערש ווי דו האָסט געזאָגט, נעמליך עס וועט מיר געלונגען אַהערצוקומען מיט פיר פערד (מיט בלויז איין פערד מער ווי דו האָסט געזאָגט), דעמאָלטס נישט בלויז וואָס איך וועל דיר אומברענגען און געבן (רחמנא ליצלן) דאָס פלייש פאַר די חיות, נאָר אויך אַלע אידן פונעם לאַנד וועל איך אומברענגען״.

**צום סוף** האָט זיך אַלעס אַרויסגעשטעלט ווי רש״י הקדוש האָט פאָר אויס געזאָגט, מיטן אויסנאַם אַז אים איז געלונגען מיט פיר פערד. און כאָטש ער איז געווען אין אַזאַ צרה, האָט ער נישט פאַרגעסן אַז ער דאַרף אויסלאָזן זיין צאָרן אויף אַלע אידן, בראש אויף זיין רבי׳ן רש״י הקדוש, ווייל ער האָט נישט צוגעטראָפן פונקטלעך, מיט וויפל פערד ער וועט זיך צוריקקערן אינעם שטאָט. אָבער ווי ערשטוינט איז ער געוואָרן אַז בעת׳ן אַריינקומען אין שטאָט, איז אַראָפּגעפאַלן אַ מעכטיגער שטיין פונעם טויער, וועלכעס האָט גלייך דער׳הרג׳עט איינעם פון זיינע רייטער, אין איינעם מיטן פערד. אַזוי האָט ער געזען ווי אַזוי די הייליגע ווערטער פון רש״י הקדוש זענען מקוים געוואָרן

פּינקטלעך, וויבאַלד סוף כל סוף איז ער אַריין אין שטאָט מיט בלויז מיט דריי פערד.

אָט דאָס איז דער טייטש " שֶׁהִיא נוֹתֶנֶת חַיִּים לְעוֹשֶׂיהָ", ווייל אין זכות פון די תורה פון רש"י הקדוש זענען זיי אַלע געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, און ס'איז נאָך דערצו געווען אַ געוואַלדיגער קידוש השם.

❖ ❖ ❖

# פרק נ״ד

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט:
## מען זאָל מדקדק זיין אַז ספרים זאָלן זיין שיין איינגעבונדן

**א. מאַהבת,** פון וועגן די ליבשאַפט פון דער תורה, זאָל דער מענטש מדקדק זיין אַז זיינע ספרים זאָלן זיין שיין געבונדן, און דאָס איז אין דעם כלל פון דער מצוה ״זה קלי ואנוהו״, דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען. אויף דעם דרש׳ענען אונזערע חכמים ז״ל אַז ״ואַנוהו״ מיינט מען ״התנאה לפניו במצוות״, דער מענטש זאָל זיך באַשיינען פאַר אים מיט מצוות.

## אַכטונג געבן נישט צו לייגן ספרים פאַרקערט

**ב. ואיתא,** און אין ספר חסידים שטייט: מען האָט אַ חכם אַרויסגעצויגן פון זיין קבר, און מען האָט אים געשלאָגן מיט אַ שטעקן ווייל זיינע ספרים זענען געווען צוריסן, און ער האָט זיי נישט געגעבן איינצובינדן. מען דאַרף אויך געוואָרנט זיין, אַז ספרים זאָלן נישט שטיין פאַרקערט. עס האָט פאַסירט אַמאָל, אַז אַ מענטש האָט געלערנט אין זיך אַריינגעטיפט אין אַ גמרא, דער נאָך האָט ער צוריק געלייגט די גמרא אויף איר אָרט צווישן די ספרים, און ווי ער האָט נאָר אַוועקגעקערט זיין פנים, איז די גמרא אַראָפּגעפאַלן מיט אַ גרויסן קלאַפּ. האָט דער מענטש זים צוריקגעקערט און האָט זי נאָך אַמאָל אַריין געשטעלט, און ווי ער האָט אַוועקגעקערט זיין פנים איז זי ווידער אַראָפּגעפאַלן מיט אַ גרויסן קול, און אַזוי איז אויך געווען דאָס דריטע מאָל, האָט דער מענטש זיך באַטראַכט, אַז דאָ מוז עפּעס זיין, און האָט אַריין געלייגט די גמרא אַזוי ווי מען דאַרף און זי איז שוין מער נישט אַראָפּגעפאַלן. דאָס איז אַ צייכן אַז אויף אַלעמען איז פאַרהאַנען אַן השגחה פון הימל.

## חיוב זיך צו פירן מיט כבוד מיט ספרים

**ג. חיוב,** עס איז אַ גרויסער חיוב זיך צו פירן בכבוד מיט ספרים, און ווען אַ ספר ליגט אָפן, און אַ קינד איז אינעם צימער זאָל מען פאַרמאַכן אָדער צודעקן מיט אַ פאַטשיילע דעם ספר. ספרים זאָלן חס ושלום נישט זיין ווי מאַן און ווייב באַהעפטן זיך, נאָר אויב עס איז פאַרהאַן א פירהאַנג פאַרשפּרייט פאַר די ספרים אָדער אַ פירהאַנג אַרום דער בעט, מען זאָל נישט זיצן אויף דער באַנק וואָס ספרים ליגן דאָרט, נאָר אויב די ספרים ליגן אויף אַ זאַך וואָס איז העכער פון דער באַנק.

## מען טאָר נישט אונטערלאַנען אַ ספר אונטערן ספר וואָס מען לערנט

**ד. מצא,** ווען איינער געפונט אַ ספר ליגן פאַרקערט, זאָר ער אים איבערקערן און עס קישן. בשעת׳ן לערנען טאָר מען נישט אונטער לאַנען קיין ספר אונטערן ספר וואָס מען לערנט כדי עס זאָל זיין באַקוועם, ווייל דאָס איז אַ בזיון צום ספר, ווייל אַנשטאָט דעם קען ער אונטער לייגן אַ האָלץ אָדער שטיין. אויב דער אונטערשטער ספר ליגט שוין דאָרטן פון פריער מעג ער אויף אים אַרויף לייגן דער ספר וואָס ער לערנט מיט אים, ווי דער בעל טורי זהב האָט שוין פריער געוואָרנט וועגן דעם.

## מען מוז אויפשטיין פאַר אַ חומש אַזוי ווי פאַר אַ ספר תורה

**ה. צריך,** דער מענטש מוז אויפשטיין פאַר אַ חומש אַזוי ווי פאַר אַ ספר תורה, און אַזוי געפונען מיר אַז דער מהרי״ל ז״ל פלעגט זיך פירן אַרום צו גיין אין שיל און געבן אום יום טוב אַ מתנת יד, אַזוי ווי דער מנהג איז אין אַשכנז, פלעגט ער נעמן אַ חומש אין זיין הענט צו מזכה זיין די רבים, אַז דאָס אויף שטיין בשעת׳ן גיין זאָל דאָס נישט זיין פאַר אים נאָר פאַר דאָס חומש׳ל, און אויך אין מדינת פוילין זענען אַפאָר רבנים נזהר אין דעם.

## דער מענטש דאַרף האָבן יראַת הכבוד פאַר לומדי תורה

**ו. צריך,** דער מענטש דאַרף ליב האָבן די לומדי תורה מיט אַ גאַנצע ליבשאַפט, און ער דאַרף ליב האָבן זיין רבי מער פון די ליבשאַפט צו זיין פאָטער. דער מענטש מוז נזהר זיין אַז די פאָרכט פון זיין רבי זאָל זיין אויף אים, אַז ער זאָל זיך נישט זעצן פאַר אים ביז זיין רבי הייסט אים, און נישט זיצן אויף זיין רבי"ס אָרט. אויך, ווען ער גייט מיט זיין רבי זאָל ער גיין אויף דער לינקער זייט פון זיין רבי, כדי ער זאָל קענען טאָן אַלע זאַכן וואָס ער דאַרף, און דער וואָס זאָגט אָן זיין רבי בשורות טובות, און זיין כונה איז פאַר דעם אייבערשטנס וועגן איז זיין שכר זייער גרויס.

## וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב מגדל געווען אַזאַ גרויסן ליכט

**ז. כדאיתא,** אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר, עס איז פאַראַן אַ היכל אין הימל וואָס דאָרט זיצט בתי"ה בת פרעה און נאָך צענדליגע טוזענטע ווייבער צדקניות זענען דאָרט מיט איר. און צו יעדע פרוי איז באַשטימט אַ באַזונדערע אָרט, זי זאָל דאָרט האָבן גרויס תענוג, און 3 מאָל אַ טאָג רופט מען אויס אַז עס קומט אָן די צורה פון משה רבינו. גייט בתי"א אַריין אין אַ חדר וואָס דאָרטן איז פאַרשפּרייט אַ פירהאַנג, און בתי"א זעהט די צורה פון משה רבינו דורך דער פירהאַנג, און זי זאָגט: וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב מגדל געווען אַזאַ גרויסן ליכט, און דער נאָך קערט זי זיך ווידער צו די ווייבער וואָס זיצן מיט איר אין איין היכל מיט זייער שיינע קליידער וואָס לייכטן מיט גרויס ליכטיקייט, און די ווייבער ווערן גערופן נשים שאַננות.

## וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב אָנגעזאָגט מיין זיידע יעקב אַז יוסף לעבט

**ח. ובהיכל שני,** און אין דעם אַנדערן היכל זיצט סרח בת אשר מיט פיל טויזענטע ווייבער צדקניות, און 3 מאָל אַ טאָג רופט מען אויס יוסף הצדיק קומט , און זי גייט אויך אַרויס אין אַ חדר און זעהט דאָס ליכטיקייט פון יוסף הצדיק און זאָגט: וואויל איז מיין חלק וואָס איך האָב אָנגעזאָגט מיין זיידע יעקב אַז יוסף לעבט, דער נאָך קערט זי זיך צוריק צו איר אָרט.

## יעדן טאָג שטייען זיי און לויבן גאָט ברוך הוא

**ט. בהיכלא,** און אין דעם דריטן היכל זיצט יוכבד דער מוטער פון משה רבינו, אהרן און מרים ע"ה און פיל טויזענטע ווייבער צדקניות, און יעדן טאָג שטייען זיי און לויבן גאָט ברוך הוא, און זי מיט אַלע ווייבער זינגן דעם שירה פונעם ים, און דער נאָך זאָגט מרים אַליין דער פסוק "ותקח מרים הנביאה אַחות אהרן וכו'" און פיל כתות מלאכים הערן זיך צו צו זייער זיס קול.

## "ותשר דבורה וברק בן אַבינועם..."

**י. ובהיכל ד',** און אין דעם פערטע היכל איז דבורה הנביאה מיט פיל ווייבער און זינגן די שירה "ותשר דבורה וברק בן אַבינועם...", און אינערווייניג פון די פיר חדרים זענען פיר באהאַלטענע היכלות וואָס דאָרטן זענען די אמהות שרה רבקה רחל ולאה און קיין איינציגע בריה האָט נישט קיין זכות זיי צו זעהן.

## פאַרוואָס האָבן זיי דער צו זוכה געווען?

**יא. אם כן,** פון דאָ לערנט מען אַז בתיה בת פרעה האָט זוכה געווען צו דער גרויסע מעלה אינעם זכות וואָס זי האָט ערצויגן משה רבינו ע"ה. און סרח בת אשר האָט זוכה געווען צו דער גרויסע מעלה ווייל זי האָט אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה פאַר יעקב.

## די מצוה פון מפרנס זיין תלמידי חכמים

**יב. מאַהבת,** פון וועגן דער ליבשאַפט פון דער תורה, דאַרף דער מענטש מפרנסזיין תלמידי חכמים באהאַלטענערהייט, און די מצוה פון מפרנס זיין תלמידי חכמים איז גלייך צו דער מצוה פון מענג זיין דער שבת, ווייל דער תלמיד חכם איז צוגעגליכן צו שבת. אַזוי ווי שבת גרייט זיך נישט אָן קיין פרנסה ווייל מען טאָר נישט טאָן שבת קיין מלאָכה, נאָר זעקס טעג גרייטן מיר אָן עסן אויף שבת, אַזוי אויך זענען תלמידי חכמים עוסק בתורה און זענען נישט עוסק אין קיין מלאָכה און נישט אין קיין משא ומתן ווי די איבריגע לייט וואָס גייען צום מאַרק זוכן פרנסה.

## געבן תלמידי חכמים מתנות בדרך בכבוד

**יג. על כן,** דעריבער מוזן זיי געבן פרנסה צו די תלמידי חכמים און אַזוי ווי דער מענטש איז מחויב מענג זיין דעם שבת, אַזוי איז דער מענטש מחויב צו געבן תלמידי חכמים די מתנה דווקא בכבוד און נישט דרך בזיון.

## וואויל צו דער וואָס איז זיי מכבד

**יד. וכל,** און יעדער וואָס איז מכבד די תלמידי הכמים איז וואויל צו אים און וואויל איז זיין חלק. אויף דעם ווערט געזאָגט דער פסוק "שמח זבולון בצאתך וישׂשכר באהליך" פריי זיך שבט זבולון מיט דיין אַרבעטען אויף פרנסה, און דו שבט יששכר פריי זיך מיט דיין זיצין און לערנען אין די געצעלטן. דער שבט זבולון פלעגט עוסק זיין אין משא ומתן און פלעגן מפרנס זיין דעם שבט יששכר וואָס זענען עוסק בתורה, און זיי פלעגן זיך צוטיילן מיט זייער עולם הבא.

**טו. אבל,** אָבער די וואָס זענען מצער תלמידי חכמים איז וויי צו זיי און וויי צו זייער נשמה, און זייער עונש שטייט און רעיא מהימנא פרשת במדבר.

**טז. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש זעהן נישט מקיל זיין אין דעם כבוד פון תלמידי חכמים, און דער וואָס איז מכבד אַ תלמיד חכם וועט מען פון הימל אים אויך כבוד געבן.

### הוספה לפרק נד - המצער ת"ח אוי לו ואוי לנשמתו

**די משנה** זאָגט אין אבות (פ"ד מ"ו) רבי צדוק אומר, רבי צדוק זאָגט, אל תעשם זאָלסט זיי נישט מאַכן, עטרה פאַר אַ קרוין, להתגדל בהם זיך צו גרויסן דערמיט, ולא קרדום און נישט אַלס אַ האַק, לחפור בהם צו גראָבן דערמיט.

**ולא קרדום** לחפור בהם. ווען מען לערנט תורה "לקנתר", נאָר כדי איבער צו שפיצן יענעם און ווייזן אַז ער איז נישט גערעכט, און אַז נאָר ער ווייסט ווי אַזוי צו לערנען, ווערט דאָס לערנען ווי א "קרדום לחפור", דהיינו מען לערנט צו קענען יענעם אונטערגראָבן. און אַזאַ לערנען איז גאָר שעדליך פאַר'ן לערנער. אַזאַ תורה ווערט חלילה אַ סם המות פאַר זיך און פאַר די שפּעטערדיגע דורות.

**עס זענען** געווען גאַנצע מדינות וואו די תלמידי חכמים פלעגן לערנען נאָר "לקנתר", האָט דאָס גורם געווען, אַז אַלע זייערע קינדער זענען רחמנא ליצלן אַראָפּ פון אידישן וועג, זיי עסן שוין נבילות וטריפות און האַלטן נישט קיין שבת.

**דער** הייליגער קאָמאַרנער ברענגט אין זיין ספר נוצר חסד פאָלגענד:
דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האָט אויך אַמאָל דערציילט אַז אין דייטשלאנד האָט אַמאָל געוואוינט אַ גרויסער צדיק, וועלכער האָט געזאָגט אַז ער איז שוין הונדערט מאָל מגולגל געוואָרן און ער ווייסט

פאַראויס אַז ער וועט רחמנא ליצלן גע׳הרג׳ט ווערן דורך רוצחים, פונקט ווי ביי אַלע פריערדיגע גלגולים.

**און ער** האָט גלייכצייטיג דערציילט דעם אורזאַך דערויף, ווייל ביי זיין ערשטן גלגול, ווען דאָס ערשטע בית המקדש איז נאָך געשטאַנען, אין די צייטן פון זכרי׳ הנביא, איז ער - זייענדיג אַ חריף עצום און אַן אויסגעשפּראָכענער תלמיד חכם - געווען דער ראש פון די סנהדרין.

**ער האָט** אָבער געהאַט אַ גרויסן חסרון, דאָס וואָס ער פלעגט לערנען ״לקנתר״, דער גאַנצער ציל פון זיין לערנען איז נאָר געווען, עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, מיט וויפיל ער שטייט העכער פון די איבריגע חברים.

**און דאָס** האָט צוגעברענגט, אַז ווען זכרי׳ הנביא האָט גע׳מוסר׳ט אידישע קינדער, מיט זיין נביאות, איבער׳ן חורבן, אויב זיי וועלן נישט תשובה טאָן, איז ער צוגעלאָפן צום נביא און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים, אויסרופענדיג: ״דו ביסט דאָך אַן עם הארץ, ווי קומט דאָס צו דיר נביאות צו זאָגען?״

**נו, מער** האָבן שוין נישט געדאַרפט די עמי הארצים און די רשעים פונעם דור, וואָס דאַרף מען דען מער, אַז דער ראש הסנהדרין האָט אַזוי באַליידיגט דעם נביא, איז דאָך אַ סימן אַז מען דאַרף אים רודפ׳ן, עס איז דאָך פּשוט אַ מצוה צו גיין אין זיינע פיסטריט. אַזוי אַרום איז זכרי׳ הנביא ענדליך גע׳הרג׳ט געוואָרן דורך די רשעים פון דור, אַ דאַנק דערויף וואָס דער ראש הסנהדרין האָט געלערנט תורה ״לקנתר״.

**דער צדיק** האָט אויך געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין ענדליך האָבן דעם תיקון, און ער וועט מער נישט דאַרפן מגולגל

ווערן. ווען ער איז דאָס מאָל גע׳הרג׳ט געוואָרן, איז - לויט׳ן באַפעל פון פריער - אויסגעקריצט געוואָרן אויף זיין מציבה ״פה נטמן מי שהרג זכרי׳ הנביא״.

**דער** בעל שם טוב זי״ע האָט אויסגעפירט, אַז דערפאַר דערציילט ער דאָס, כדי מען זאָל זיך אַראָפּ לערנען , ווי שעדליך און געפערליך עס איז, צו לערנען לקנתר. ווייל פונקט אַזוי ווי די תורה איז אַ סם החיים, ווען מען לערנט ״נישט לקנתר״ איז דאָס אויך חס ושלום אַ סם המות פאַר די וועלכע לערנען יאָ ״על מנת לקנתר״.

❖ ❖ ❖